אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
שמיני
כ"ז ניסן שנת תשפ"ה

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ 058-323-

בס"ד

# א מענטש דארף דינען דעם אייבערשטן, לויט וואס מען פאדערט פון איהם, נישט לויט ווי עס שמעקט זיך איהם!!!

### » פארוואס זענען נדב און אביהוא נפטר געווארן?!

עס שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (י, א) וַיִּקְחוּ בְנֵי אַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא אִישׁ מַחְתָּתוֹ וַיִּתְּנוּ בָהֵן אֵשׁ וַיָּשִׂימוּ עָלֶיהָ קְטֹרֶת וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם.

**אין** די מפרשים שטייט אפאר טעמים פארוואס זענען נדב און אביהוא נפטר געווארן. אין די תורה אליין, יעדעס מאל וואס עס ווערט דערמאנט די מיתה פון נדב אביהוא, ווערט דערמאנט דאס ענין פון 'אש זרה'. פון די צווייטע זייט, ברענגט שוין רש"י אויבן אין פרשת משפטים אויפן פסוק וְאֶל אֲצִילֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁלַח יָדוֹ וַיֶּחֱזוּ אֶת הָאֱלֹהִים וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ (שמות כד, יא) ווי פאלגענד: "וְאֶל אֲצִילֵי, דאס זענען נדב און אביהוא און די זקנים. לֹא שָׁלַח יָדוֹ, זעהט מען פון דעם אז בעצם וואלט זיך געקומען אז עס זאל זיי יא שאטן. וַיֶּחֱזוּ אֶת הָאֱלֹהִים, זיי האבן געקוקט אויפן אייבערשטן (-כביכול) מיט א ברייטקייט, נאכן עסן און טרינקן, אזוי שטייט אין **מדרש תנחומא** (בהעלותך טו)". קומט אויס פון דעם אז זיי זענען שוין געווען מחויב מיתה נאך פאר מתן תורה.

**נאך** דארף מען פארשטיין, פארוואס שטייט אין די תורה א דאפעלטע לשון, ווייל עס שטייט וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם (י, א), און לכאו' וואלט געווען גענוג אז עס זאל שטיין 'אש זרה', און ממילא וועט מען שוין פארשטיין אז דאס איז ווייל 'שלא צוה אותם' - אז דער אייבערשטער האט נישט באפוילן.

**דער** הייליגער **מהר"ל** (גור אריה) איז זיך מתייחס צו דעם, און שרייבט ווי פאלגענד: "כאטש וואס רש"י האט שוין געשריבן אז זיי זענען געווען חייב מיתה אין די צייט וואס זיי האבן געקוקט אויפן שכינה, איז עס נישט קיין קשיא, ווייל וויבאלד עס איז אריבער די צייט פון די צארן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָור זָעַם (ישעיה כו, כ), דעריבער כאטש וואס זיי זענען געווען מחויב מיתה יענע צייט, אבער וויבאלד זיי זענען נישט געשטראפט געווארן דעמאלטס, האט געדארפט געשעהן נאך עפעס וואס זאל גורם זיין אז זיי זאלן זיין מחויב מיתה, ווייל אויב נישט, פארוואס זענען זיי נישט געשטארבן די גאנצע יאר פון מתן תורה ביז ווען זיי ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן. נאר וויבאלד די אייבערשטער האט זיי נישט געוואלט הארגענען ביי מתן תורה, איז בטל געווארן די גזירה פון שטארבן, דעריבער האט אויסעפעלט א נייע סיבה פארוואס זיי זאלן שטארבן."

**"איי** וועסטו פרעגן, אויב אזוי האבן זיי נישט באקומען קיין שטראף אויף דעם וואס זיי האבן געקוקט אויף די שכינה, ווייל זיי זענען סיי ווי געשטארבן צוליב וואס זיי האבן געזינדיגט ווען מען אויפגעטעלט די משכן. דאס איז נישט קיין קשיא, ווייל די עבירה האט צוגעברענגט די עבירהביים אויפשטעלן די משכן, אזוי זעהט מיר אויס ריכטיג", עכל"ק.

### » פארוואס שטייט ממרים הייתם 'עם' ה', און נישט 'נגד' ה'?!

כדי מיר זאלן פארשטיין בעסער די ווערטער פונעם מהר"ל, וועלן מיר מקדים זיין מסביר צו זיין איינע פון די זעקס זכירות וואס א מענטש דארף יעדן טאג געדענקן, און דאס איז די מעשה פון די עגל, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בַּמִּדְבָּר לְמִן הַיּוֹם אֲשֶׁר יָצָאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עַד בֹּאֲכֶם עַד הַמָּקוֹם הַזֶּה מַמְרִים הֱיִיתֶם עִם ה' (דברים ט ז).

**און** מען דארף פארשטיין, פארוואס דריקט זיך די תורה אויס מיטן לשון 'ממרים הייתם **עם** ה'', לכאור' וואלט געדארפט שטיין 'ממרים הייתם **נגד** ה''.

**די רמב"ן** איז מסביר די גאנצע ענין פון די עגל, אז עס בכלל נישט געווען אזוי ווי מיר טראכטן פשוט'ערהייט, אז זיי האבן געוואלט נעמען דעם אקס פאר א גאט, צו דען זענען זיי געווען אזעלכע גרויסע טיפשים צו זאגן אז די עגל וואס זיי האבן נארוואס באשאפן, איז דער וואס האט זיי יעצט ארויסגענומען פון מצרים.

**נאר** פשט איז, אזוי ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "דער ענין איז אזוי ווי איך האב געזאגט, אז זיי האבן נישט אויפגענומען דעם עגל פאר א גאט וואס קען מאכן לעבן אדער שטארבן, און איהם מקבל געווען איהם צו דינען, נאר זיי האבן דאס אויפגענומען אויף זיך אלץ איינער וואס וועט זיי ווייזן די וועג, אנשטאט זייער וועג ווייזער משה."

**"און** דאס איז וואס אהרן האט זיך אנטשולדיגט, ער האט גע'טענה'ט, אז זיי האבן איהם נאר געזאגט אז איך זאל זיי מאכן א וועג ווייזער אנשטאט מיין האר (-א מכובד'דיגער לשון אויף משה רבינו), ווייל זיי האבן נישט געוויסט וואס איז געשעהן מיט דיר, און צו דו וועסט צוריקקומען צו נישט, דעריבער האבן זיי געדארפט איינער וואס זאל זיי ווייזן די וועג, ווילאנג דו וועסט נישט זיין מיט זיי, און ווען דו וועסט צוריקקומען, וועלן זיי איהם אפלאזן און צוריק נאכגיין נאך דיר אזוי ווי פון אנפאנג", עכ"ל.

**דאס** הייסט, אז כלל ישראל האבן פראבירט צו מאכן חשבונות און תחבולות ווי אזוי זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן. נאר די פראבלעם איז געווען אז זיי האבן אויסגעוועלט א וועג וואס דער אייבערשטער האט נישט באפוילן. און דאס איז פשט פון פסוק 'ממרים הייתם עם ה'', זיי האבן נישט פראבירט צו גיין אקעגן דעם אייבערשטן, זיי האבן געוואלט דינען דעם אייבערשטן, נאר זיי האבן זיך איבערגעקליגט און געטוהן זאכן אויף א וועג וואס מען האט קיינמאל נישט געזעהן און געהערט פון פארדעם.

**אויף** דעם זעלבן וועג איז מסביר די **שם משמואל** (כי תשא תרע"ט) די שורש חטא העגל, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "און מען קען זאגן נאך, אז אין דעם איז נכלל אויך, אז יעדער וואס גייט נישט בתמימות מיטן רבונו של עולם, נאר פראבירט חוקר זיין וואס עס גייט זיין, און זיך מתחכם זיין נאך די מצוות פון די תורה, אזוי ווי עס איז שכיח היינטיגע צייטן, והוא רחום יכפר עוון, און דאס אלעס נעמט זיך פון די פגם הנפש וכו'."

**"און** לויט ווי מיר האבן געזאגט, קען מען זאגן, אז דאס וואס די שטן האט געהאט א כח צו פארדרייען כלל ישראל ביי די מעשה פון די עגל, איז אויף פון דעם, אזוי ווי עס שטייט אין **מדרש** (שמו"ר מב, ה) אז 'דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רָאֹה רָאִיתִי (שמות ג, ז), דו זעסט איין ראיה, אז זיי קומען אן צום בארג סיני און זענען מקבל מיין תורה, אבער איך זעה זיי, אז ווען איך קום זיי געבן די תורה ביים בארג סיני, מיטן כסא הכבוד, זענען זיי זיך מתבונן אין מיר, און נעמען אראפ איין פיסל פון דעם (די צורה פון די שור, וואס איז איינע פון די פוס פון די כסא הכבוד), און דערצערענען מיר, וַיָּמִירוּ אֶת כְּבוֹדָם בְּתַבְנִית שׁוֹר וגו' (תהילים קו, כ)'. און פון די לשון 'זיי זענען זיך מתבונן אין מיר' איז משמע אז זיי זענען נישט געווען ראוי צו דעם, און דאס איז פאררעכענט געווארן פאר זיי, אז זיי זענען אריין ערגעץ ווי זיי האבן נישט געמעקט, און דאס איז געווען א פגם אין זייער נפש, דעריבער האבן זיי ארויפגעצויגן אויף זיך א יצר הרע וכו'."

**"און** די חקירה נאך דעם צוקונפט, איז וואס זיי האבן זיך מצייר געווען וואס גייט געשעהן מיט זיי, אז זיי וועלן פארלוירן ווערן אין מדבר, און וועגן דעם האבן זיי נישט קיין ברירה נאר צו מאכן אן עגל, אזוי ווי עס שטייט אין די ספרים. און ווען זיי וואלטן געווען קלוג צו גיין מיט א תמימות מיטן אייבערשטן און נישט חוקר זיין נאכן צוקונפט, וואלטן זיי נישט אנגעקומען צו די גאנצע

צרה. נאר עבירה גוררת עבירה, און עס איז נמשך געווארן אויף זיי די יצר הרע, וואס האט זיך אנטפלעקט צו זיי ווי א גוי, און דורך דעם זענען זיי צוקומען צו עבודה זרה ג"ע און שפיכות דמים, ווי עס שטייט אין רש"י", עכ"ל פונעם שם משמואל.

**קומט** אויס אז ווען מיר געדענקן די מעשה פון די עגל, דארפן מיר אויך געדענקן די מהות פון די פגם וואס האט צוגעברענגט צו דעם, וואס דאס איז די רצון און החלטה זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן, נישט אויף די ריכטיגע וועג וואס איז אונז איבערגעגעבן געווארן דורך אונזערע עלטערן און רבי'ס, נאר צו פאבריצירן א נייע מהלך און שיטה, וואס אין דעם ליגט די גאנצע חרבן און שטרויכלונג, און די הפסד איז גרעסער ווי די תועלת.

**און** ווי עס שרייבט אויף דעם דער **רבינו בחיי**, אויפן פסוק וְכָל הַבְּאֵרֹת אֲשֶׁר חָפְרוּ וגו' (בראשית כו, טו) ווי פאלגענד: "דערנאך האט זיך יצחק מתגבר געווען, און געגראבן יענע גרובער, און עס אנגערופן מיט די זעלבע נעמען מיט וואס זיין טאטע האט עס אנגערופן, און ער האט עס געטוהן לכבוד זיין טאטע. און פון דעם וואס די תורה איז אונז דאס מודיע, זעהט מען אז מען פארערכענט עס פאר איהם אלץ א זכות. און פון דעם דארף מען ארויסנעמען א קל וחומר, אז א מענטש זאל נישט טוישן פון די דרך פון זיינע עלטערן, ווייל יצחק האט אפי' נישט געוואלט טוישן די נעמען פון די קוועלער וואס זיין טאטע אברהם האט געגעבן, איז כל שכן וקל וחומר, אז מען זאל נישט טוישן פון די דרכים פון די עלטערן און פון וואס זיי האבן אונז אויסגעלערנט. און אפשר צוליב דעם איז זיין נאמען נישט געטוישן געווארן, אזוי ווי אנדערע אבות, און דאס איז געווען מדה כנגד מדה, אזוי האט דער גאון ז"ל מפרש געווען", עכ"ל.

**און** עס ווערט געברענגט אין ספרים הק' א רמז אויף דעם ענין. אום יו"ט פסח איז פארהאן אן איסור צו עסן חמץ, אפי' א משהו, און די ספרים הק' זענען מבאר, אז אפי' מיר טרעפן נישט ביי קיין שום אנדערע איסור, אז עס זאל זיין אסור אפי' א משהו, מיט דעם אלעמען, חמץ וואס איז מרמז אויפן יצר הרע, און די אונטערשייד צווישן א זאך וואס איז חמץ צו א זאך וואס איז מצה איז נאר א משהו, אזוי אויך די חילוק צווישן די ווארט חמץ און די ווארט מצה איז נאר א קליינטשיגע פינטל, דאס אלעס קומט אונז ווייזן און מרמז זיין, אז ווען דערווייטערט זיך פון די תורה אפי' נאר א פינטעלע, איז עס שוין חמץ און אסור, אפגעזעהן צו דער מענטש האט עס געמיינט ערענסט.

### » וואס איז געווען די מקור פון די חטא פון עץ הדעת?!

און מיר טרעפן, אז אויך די חטא עץ הדעת איז געווען אנגעשטעקט מיט אט דעם פגם, אזוי ווי די **שם משמואל** איז דאס מסביר בטוב טעם ודעת (אמור שנת תר"ע ד"ה להבין), ווי מען קען לערנען פון זיינע ווערטער גאר וויכטיגע יסודות אין עבודת ה', ווי ער שרייבט ווי פאלגענד:

**די** חטא פון אדם הראשון ביי די עץ הדעת איז געווען אז עס האט געפעלט די מדה פון 'תמימות'. ווייל תמימות מיינט, אז א מענטש זאל נישט חוקר זיין וואס גייט זיין, נאר ער זאל מקבל זיין און גלייבן אז אלעס וואס די אייבערשטער פירט איהם אינטער איז נאר פאר זיין טובה, ממילא ווען דער נחש האט זיי געזאגט, אז די באשעפער ווייל נישט אז זיי זאלן עסן פונעם עץ הדעת כדי זיי זאלן נישט ווערן אליין אזוי ווי די באשעפער כביכול, האבן זיי געדארפט טראכטן, אז אודאי האלט נישט די באשעפער צוריק קיין שום גוטס פון די וואס גייען בתמימות, און אויב האט ער דאס צוריק געהאלטן פון זיי, איז אפי' אויב עס זאל זיין אמת וואס די נחש זאגט, איז אבער די רצון ה' אז זיי זאלן נישט זיין אזוי".

**און** וויבאלד עס האט איר געפעלט די מדה פון תמימות האט געקענט חל זיין די ענין פון מיתה, ווייל די ענין פון מיתה - שטייט פון אר"י הק' ז"ל - אז עס נעמען זיך צוזאם אזויפיל כוחות הטומאה ביז ווען די נשמה קען שוין נישט אויסהאלטן די טומאה, און דעריבער גייט זי אוועק פונעם מענטש. אבער דער וואס איז מיטן אייבערשטן אין זיין חלק (אזוי ווי רש"י (דברים יח, יג) איז מגדיר די ענין פון תמים) קען קיין שום שלעכטס זיך נישט דערנענטערן צו איהם, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים (תהלים ה, ה) "לא יגורך רע", נאר וויבאלד זי האט נישט געהאט די תמימות, האבן זיי געמאכט פלאץ אז די כוחות הטומאה זאלן קענען זיך דערנענטערן צו זיי, און אזוי ארום האבן זיי גורם געווען די מיתה".

> "... די אונטערשייד צווישן א זאך וואס איז חמץ צו א זאך וואס איז מצה איז נאר א משהו, דאס קומט אונז ווייזן און מרמז זיין, אז ווען דערווייטערט זיך פון די תורה אפי' נאר א פינטעלע, איז עס שוין חמץ און אסור, אפגעזעהן צו דער מענטש האט עס געמיינט ערענסט..."

**"אבער** יעקב אבינו וואס איז געווען אן איש תם, איז טאקע נישט געשטארבן, און דאס איז וואס שטייט ביי יעקב אבינו ע"ה (בראשית כז, יא) וְאָנֹכִי אִישׁ חָלָק, און עס שטייט אויף דעם אין מדרש (בב"ר פ' סה) "אזוי ווי עס שטייט כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ יַעֲקֹב (דברים לב, ט), און די כוונה פונעם מדרש איז, אז יעקב האט געענטפערט פאר זיין מאמען, אז מען דארף נישט מאכן קיין שום השתדלות מקבל צו זיין די ברכות, וויבאלד די באשעפער גיבט איהם דאס נישט, ווייל דאס איז די מדה פון תמימות, צו זיין אין די חלק פונעם אייבערשטן און נישט חוקר זיין וואס גייט זיין, און אויב וועט זיין באשערט פון הימל אז ער זאל באקומען די ברכות, וועט ער דאס באקומען אפי' אהן השתדלות, און דעריבער איז ער נישט געשטארבן". ביז דא זענען די פייערדיגע ווערטער פונעם שם משמואל.

### » וואס איז די הגדרה פון די פגם 'אש זרה'?!

**און** די יסוד טרעפן מיר אויך אין די וואכעדיגע פרשה, ביי די פרשה פון נדב ואביהוא, וואס כאטש אז די גאנצע פרשה איז פארהוילן פון אונזערע אויגן, און אין אמת'ן האבן מיר נישט קיין שום השגה און די גרויסקייט און הייליגקייט פון זיי, אזוי ווי משה רבינו אליין האט מעיד געווען אויף זיי אין די וואכעדיגע פרשה, ווי עס שטייט (י, ג) אז "משה רבינו האט געזאגט פאר אהרן, דאס איז וואס די באשעפער האט געזאגט, מיט מיינע נאנטע וועל איך געהייליגט ווערן", און **רש"י הק'** ברענגט אויפן פלאץ די **מדרש** וואס זאגט אז "משה האט געזאגט פאר אהרן, מיין ברודער אהרן, איך האב געוואוסט אז די הויז (-די משכן) וועט געהייליגט ווערן מיט די נאנטע פונם אייבערשטן, און איך האב געמיינט אז עס וועט זיין דורך מיר אדער דורך דיר, יעצט זעה איך אז זיי זענען גרעסער פון מיר און פון דיר", מיט דעם אלעם, וויבאלד אז די תורה דערציילט אונז דאס און חז"ל זאגן און אנטפלעקן געוויסע סיבות פארוואס עס איז געשעהן, מוזן מיר דאס לערנען, און זיך אפלערנען פון דעם, וויפיל עס איז נוגע פאר אונזער עבודה.

**איז** די **שפת אמת** (תרל"ו) ברענגט בשם זיין זיידן די **חידושי הרי"ם** אז ער האט געזאגט, אז די גאנצע עיקר זינד פון נדב און אביהוא שטייט געשריבן קלאר אין די תורה, ווייל עס שטייט אין פסוק (א') "און זיי האבן דערנענטערט פארן אייבערשטן א פרעמדע פייער **וואס ער האט זיי נישט באפוילן**", דאס הייסט אז די גאנצע פגם זייערע איז געווען דאס אז זיי האבן געטוהן עפעס מיט זייערע אייגענע חשבון אהן דעם וואס די באשעפער זאל זיי הייסן, און אזוי ווי משה רבינו האט געזאגט אנפאנג פון די פרשה (ט"ו) "דאס איז די זאך וואס די באשעפער האט געהייסן צו טוהן", דאס הייסט אז מען דארף טוהן נאר ווייל די באשעפער האט דאס געהייסן.

**און** די שפת אמת זאגט דארט ווייטער אז א מענטש דארף זיך ארויס לערנען פון דעם א קל וחומר, מאדעך אז אויב אזעלכע גרויסע צדיקים וואס האבן אודאי געטוהן זייערע מעשים לשם שמים זענען געשטראפט געווארן אויף דעם וואס זיי האבן עס נישט געטוהן מיט א באפעל פונם אייבערשטן, אויב אזוי מדה טובה איז דאך מער, אז אויך א פשוטע מענטש וואס טוהט די רצון פונם אייבערשטן אפילו ער פארשטייט עס נישט, וויבאלד אבער ער איז מבטל זיין דעת מקיים צו זיין דעם באפעל פונם אייבערשטן, 'איז די כח פון דעם באפעל חשוב'ער פון אלעס' און אודאי האט זיין מעשה א געוואלדיגע חשיבות און איז באליבט ביים אייבערשטן.

**און** לויט דעם פארשטייט מען זייער גוט די ווערטער פונעם מהר"ל, אז די מיתה פון נדב ואביהוא איז צושטאנד געקומען דורך צוויי פגמים, ווייל ביידע פגמים זענען געקומען פונעם זעלבן שורש, אז זיי האבן זיך געוואלט דערנענטערן צום אייבערשטן דורך זייער אייגענע וועג.